ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

## כ"ד אדר תשס"ו — "משנכנס אדר מרבין בשמחה" — פרשת ויקהל-פקודי

טייערע קינדער שלוחים,

אידן לעבן אלעמאל מיט דער גאולה! מיר גיין פון איין גאולה צו א צווייטער- פון דער גאולה פון פורים גלייך אריבער צו דער גאולה פון פסח.

דער שבת איז שבת מברכים חודש ניסן. מיר גרייטן זיך פאר י"א ניסן, און פאר'ן הייליקן יום טוב פסח.

דעם שבת לייענען מיר פרשת החודש. די פרשה רעדט וועגן דער מצוה פון קידוש החודש, און דאס וואס חודש ניסן ווערט אנגערופען אין דער תורה "חודש הראשון" - דער ערשטער חודש.

מיר לייענען פרשת החודש צו דערמאנען אונז אז באלד איז פסח, און מיר מוזן זיך גרייטן ארויפצוגיין צו ירושלים - עלי' לרגל.

לאמיר בעטן אז טאקע אין דעם חודש ניסן וועט אונז דער רבי פירן עולה רגל זיין קיין ירושלים, אין דער גאולה האמיתית והשלימה!

א. וועכטער

## משיח נאו!



### אין א שיחה פון פרשת פקודי' האט דער רבי געזאגט...

די אפלערנונג דערפון פאר אונז: נאך דעם פסוק "ועשו לי משכן ושכנתי בתוכם" (זיי זאלן מאכן פאר מיר א משכן און איך וועל רוען אין זיי) שטייט אין פסוק "וכן תעשו" - אז אזוי זאלט איר מאכן פאר אלע דורות, דאס מיינט אז די אלע בתי מקדש וואס אידן וועלן אמאל בויען דארפן זיין ענלעך צו דעם משכן.

דערפון איז פארשטאנדיק, אז פונקט ווי אידן, נאך זייענדיק אין מצרים, האבן זיך צוגעגרייט צו בויען דעם משכן נאך דעם ווי זיי וועלן ארויסגיין פון מצרים, אזוי דארף מען זיך גרייטן אין דעם איצטיקן גלות, און ספעציעל אין טאג פון ראש חדש ניסן (ווען "הוקם המשכן") - צו דעם בנין בית המקדש השלישי, וואס וועט געבויט ווערן ארויסגייענדיק פון דעם גלות.

## לעבן מיט דער צייט



### פרשת ויקהל-פקודי

### ויקהל - נדבת המשכן

אונזערע חכמים דערציילן, אז בשעת די אידן האבן געבראכט די נדבות אויף בויען דעם משכן, האבן אויך די קינדער פאר בר-מצוה און פאר בת-מצוה זיך באטייליגט אין דעם.

פונקט ווי די קינדער האבן זיך באטייליגט אין אלע זאכן פארבונדן מיטן אויבערשטן נאך זייענדיק אין מצרים, ביז, ווי די חז"ל זאגן, "הם הכירוהו **תחילה**" (די אידישע קינדער האבן דערקענט דעם אויבערשטן פריער, נאך פאר אלע ערוואקסענע) - איז פארשטאנדיק, אז אויך אין די אלע צוגרייטונגען צום משכן, האבן די קינדער גענומען איינטייל, א ווארעמען איינטייל, און א לעבעדיקן איינטייל.

די אפלערנונג דערפון פאר אונז:

אידן דארפן זיך גרייטן, נאך זייענדיק אין גלות, צו דעם בנין פון בית המקדש השלישי, וואס וועט געבויט ווערן ארויסגייענדיק פון דעם גלות.

און די צוגרייטונג צום בית המקדש השלישי איז דורך דעם, וואס נאך אין דער צייט פון גלות וועלן די עלטערן און די קינדער מאכן פון זייערער אייגענע היימען - א היים אויף וועלכער דער אויבערשטער זאגט "ושכנתי בתוכם", ער רוט אין דער היים, וויבאלד דאס איז א היים וואס פירט זיך ווי דער אויבערשטער וויל, ס'איז אן אמת אידישע היים.

און כאטש דאס איז אפהענגיק פון דער אויפפירונג פון אלע בני בית (פון דער גאנצער משפחה), איז אבער גאר ספעציעל דאס פארבונדן מיט קינדער, וואס זיי זאגן " זה א-לי ואנוהו" (אט דאס איז מיין אויבערשטער און איך מאך (פאר) אים שיין). זיי פילן אז זיי זיינען פארבונדן מיטן אויבערשטן און זיי ווילן מאכן אז דער "ושכנתי בתוכם" זאל זיין שיין אין אלע הינזיכטן - ובמילא טוען זיי אלץ וואס הענגט אפ פון זיי אז דאס זאל אראפקומען לפועל.

און בשעת די אויפפירונג פון די קינדער, מיט דער גאנצער משפחה, איז אין אן אופן אז זיי מאכן פון זייער הויז א משכן, אז אויף דער הויז זאגט דער אויבערשטער "ושכנתי בתוכם" - וועט דאס די צוגרייטונג צו דעם בית המקדש השלישי.

*(פון "דער רבי רעדט צו קינדער" - ר"ח ניסן תש"מ)*

# דער חסידישער לוח

## כ״ז אדר א׳ תשנ״ב



*מאנטאג, כ״ז אדר א׳.*

דער רבי איז ווי יעדן מאנטאג אין יענע יארן, געפארן אויפ׳ן אוהל פון דעם פריערדיקען רבי׳ן. אלץ איז געווען ווי געוויינליך. אין די לעצטע וואכן האט זיך דער רבי זייער געקאכט אין די אחריות וואס יעדער איינער האט צו ברענגען די גאולה. עס איז געווען חודש אדר און דאס חיות האט מען געקענט אנטאפן מיט די הענט. כמעט יעדע נאכט אין דעם חודש האט דער רבי געזאגט א שיחה נאך מעריב.

און פלוצלונג האט מען געהערט די שמועה איבער דער גאנצער וועלט. **דער רבי איז געפאלן אין אהל!** עס האט ניט גענומען לאנג ביז מען האט געהערט אז דער רבי האט געהאט א ״סטראק״!

קיינער האט ניט געוואלט גלויבן. דער רבי מוז זיין געזונט און שטארק! וואס וועלן חסידים טאן? די פרייליכע טעג פון אדר האבן זיך געביטן צו שווארצע, שווערע טעג.

חסידים זיינען געווען זיכער אז אט אט, יעדן טאג, וועט דער רבי ווערן צוריק געזונט און אונז פירן ווי פריער. אבער ליידער האט דער אויבערשטער באשלאסן אין אן אנדערן אופן.

פון כ״ז אדר א׳ תשנ״ב ביז שבועות תשנ״ב איז דער רבי געווען פאר זיך אין צימער און חסידים האבן ניט געקענט אים זען. שבועות נאך תהלוכה שפעט ביי נאכט האט מען דעם רבי׳ן ארויסגעפירט צום הויפט אריינגאנג פון 770 פאר עטליכע מינוטן וואו חסידים האבן נאך אסאך צייט ענדליך ווידער זוכה געווען צו זען דעם רבי׳ן. נאך דעם איז דער רבי ווידער געווען פאר זיך ביז ראש השנה תשנ״ג. עס איז געבויט געווארן א ספעציעלער באלקאן אין דער מערב–זייט פון דער גרויסער שול אין 770 און דארטן פלעגט מען ברייגנען דעם רבי׳ן פאר תפילות, און נאך די תפילות פלעגען חסידים קענען זען דעם רבי׳ן פאר עטליכע מינוטן. ביי געוויסע געלעגנהייטן זיינען גרופעס פון חסידים פארביי געגאנגען נעבען דעם רבי׳נס הייליגן צימער און דער רבי איז געזעסן ביי דער אפענער טיר און געקוקט אויף די פארבייגייענדיקע חסידים. אבער אין דער גאנצער צייט האבן מיר ניט געהערט פון רבי׳ן קיינע שיחות אדער הוראות. דער סדר איז אנגעגאנגען פון ראש השנה תשנ״ג ביז אנהויב מר–חשון תשנ״ד, ווען דער רבי איז ווידער געווען פאר זיך אין צימער צוליב זיין געזונט צושטאנד וועלכער האט זיך ליידער פארשלעכטערט ביז יענעם מוצאי שבת קדש ג׳ תמוז תשנ״ד.

יעדן טאג ווארטן מיר חסידים מיט שטארקער אמונה אויף די טעג ווען דעם רבי׳נס ווערטער וועגן דער נאענטער גאולה וועלן מקויים ווערן בפועל ממש און מיר וועלן זיך צוריק זען מיט דעם רבי׳ן.

*וואס דארפען חסידים, און בעיקר די טייערע שלוחים, טאן אין אזא טאג?* דער רבי האט געזאגט א קארגע צוויי חדשים פאר יענעם כ״ז אדר תשנ״ב, אויף ג׳ שבט תשנ״ב, אין א שיחה נאך מנחה וועגן דעם פריערדיקען רבי׳ן, אז נאך דעם ווי ער האט געהאט געזונט פראבלעמען אין ריידען און ניט געקענט זאגן חסידות ווי פריער, דארפן חסידים זיין אט די וואס דארפן אויספילן דאס וואס עס פעלט מצד דעם. די חסידים מוזן ווייטער שפרייטן חסידות ווי דער רבי האט עס אלעמאל געטאן אין א גשמיות׳דיקן אופן. דער רבי האט איבערגעגעבן צו חסידים דעם זכות און אחריות צו טאן זיין הייליגע ארבעט.

# שבת מברכים

# ראש חודש

## שבת מברכים ניסן

- איך האב געזאגט תהלים שבת אינדערפרי.
- איך בין געגאנגען אין שול און איך האב געבענטשט דעם נייען חודש.
- איך האב צוגעהערט ווען מ׳האט געליינט פרשת החודש אין שול

## ראש חודש ניסן—דאנערשטאג א׳ ניסן

- איך האב געזאגט יעלה ויבא אין שמונה עשרה און אין בענטשן
- איך האב געזאגט הלל נאך שמונה עשרה
- איך האב געדאוונט מוסף
- איך האב געזאגט ברכי נפשי נאך שיר של יום
- (פאר מיידלאך) איך האב ניט גענייט אדער געוואשן קליידער

לעילוי נשמת
אאמו״ר הרה״ח התמים ר׳ **דובער** בן הרה״ח ר׳ **נפתלי** שו״ב ע״ה יוניק
**זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים**
נפטר ביום הרביעי, ט׳ אייר תשס״ה
נדבת בנו ר׳ דוד שי׳ יוניק ומשפחתו

# דערציילט מיר א מעשה



## כ"ה אדר

## יום הולדת פון רביצין חי' מושקא

*הרב אלכסנדר סענדער רייניץ, וואס ער און זיין פרוי זיינען געווען זייער נאענט מיט דעם רבי'ן און דער רביצין אין פאריז, האט דערציילט די מעשה.*

יעדער שבת פלעג איך גיין פאר א שפאציר מיט מיין פרוי. איין שבת האבן מיר צו אונזער גרויס פרייד אנגעטראפן דעם רבי'ן און די רביצין.

מיר האבן זיי אנגעוואונטשען א גוט'ן שבת, און דערנאך האב איך געפרעגט דעם רבי'ן: "איך מיט מיין פרוי זיינען פשוט'ע אידן, און מיר גייען צוזאמען שבת אויף א שפאציר. אבער איר, דער איידים פון דעם (פריערדיקען) רבי'ן, אייער צייט איז דאך אזוי טייער; ווי קומט עס אז איר גייט שבת אויף א שפאציר?"

דער רבי האט מיר געענטפערט: "אז די בת מלך – טאכטער פון קעניג – וויל גיין, גייט מען!"

רביצין חי' מושקא איז טאקע געווען א בת מלך. ווי ס'איז באקאנט וועגן איר אויפפירונג פון "כל כבודה בת מלך פנימה."

די רביצין איז געבארן געווארן שבת קדש כ"ה אדר תרס"א אין דער שטאט באבינאוויטש - א שטאט נאענט צו ליובאוויטש – צו דעם פריערדיקען רבי'ן און זיין רביצין.

גלייך נאך שבת, האט דער פריערדיקער רבי געשיקט א טעלעגראם צו זיין הייליקען פאטער - דער רבי רש"ב (וועלכער איז דאן געווען אין אן אנדערן פלאץ צוליב זיין געזונט) אז עס איז ביי זיי געבארן געווארן א מיידל.

דער רבי רש"ב האט גלייך צוריקגעשיקט א טעלעגראם שרייבנדיק אז אויב מען האט איר נאך ניט געגעבן א נאמען, זאל מען איר א נאמען געבן **חי' מושקא** נאך דעררביצין פון דעם צמח צדק.

*(פאר דער חתונה פון דעם רבי'ן מיט דער רביצין חי' מושקא האט הרב החסיד הרב הגאון ר' לוי יצחק - דער פאטער פון דעם רבי'ן– זיי אנגעוואונטשען אז זיי זאלן זיין געבענטשט ווי די צדיקים נאך וועמען זיי האבן זייערע נעמען - דער צמח צדק און זיין רביצין חי' מושקא.)*

נאכדעם ווי דער רבי רש"ב האט געהערט אז מען האט איר געגעבן דעם נאמען חי' מושקא, האט דער רבי רש"ב געשיקט א ספעציעלן מזל טוב – טעלעגראם "אז דער אויבערשטער זאל איר שיקן לאנגע זיסע יארן ברוחניות ובגשמיות, און מיר זאלן אלע האבן אסאך נחת פון איר..."

פון קינדווייז אן האט די רביצין זיך אנגעזאפט מיט אסאך קדושה פון איר זיידע'נס און טאטע'נס שטוב. רביצין חי' מושקא איז טאקע געווען אן אמת'ע קעניגן.

# מנהגי יום הולדת

כ"ה אדר תשמ"ח, עטוואס מער פון א חודש נאך דער הסתלקות פון דער רביצין, האט דער רבי געזאגט א שיחה וועגן יום הולדת, און ערקלערט די מנהגים וואס מען זאל טאן אויף א יום הולדת.




A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת ויקהל–פקודי

**פאקס צוריק די פאפיר צום שלוחים׳ס אופיס פאר מיטוואך,**
**און דו קענסט געווינען א פרייז! (718-221-0985)**

געפין די ווערטער פון פרשת ויקהל

געדענק אז דו מוזט געפינען יעדער ווארט באזונדער.

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ת | ר | ק | ס | ה | ש | י | מ | ט | ח | ה | ו | ה | ג | א |
| ש | ב | י | נ | ש | ת | נ | ל | צ | נ | ד | מ | ל | ח | מ |
| א | ב | ש | ש | ל | ת | ב | מ | ש | נ | ס | ע | כ | פ | ר |
| ן | ט | ת | ג | א | ע | א | א | ת | ש | ר | מ | ק | צ | א |
| ר | ב | צ | ו | ק | ל | ס | ר | ב | ל | י | מ | נ | ס | ת |
| ע | ע | ה | א | ן | ו | ה | י | ש | מ | ת | א | ב | צ | ה |
| ב | ת | ל | ר | ש | ת | ק | א | א | ל | ה | ק | י | ו | א |
| ת | א | ל | מ | ל | י | א | ה | ח | ל | ז | ה | ד | ב | א |
| כ | ר | ש | ת | צ | ר | ו | ל | נ | ז | מ | ו | כ | י | ה |
| ל | ח | ו | ע | ג | צ | נ | י | פ | ע | ס | י | ל | כ | ג |
| ת | ח | ז | מ | א | ב | ג | א | ר | ו | י | כ | נ | צ | י |
| ג | י | ן | א | ה | ל | כ | ב | י | ה | ט | ח | ז | ב | ב |
| ס | ז | נ | ב | ג | ד | נ | ס | ל | א | ל | צ | ב | צ | א |

1. ~~ויקהל~~
2. שבת 3. שבתון
4. לא 5. תבערו
6. אש
7. תרומה
8. תכלת
9. ארגמן
10. תולעת 11. שני
12. שש
13. עזים
14. אבני 15. שהם
16. (אבני) מלאים
17. הנשאם
18. כיור
19. בצלאל

**דער געווינער פון פרשת כי תשא: מנחם, 7 & מוסיא, 6 שמערלינג**

הצלחה רבה

נאמען:____________________________ ווי אלט:_____

אדרעס:____________________________________________

____________________________________________

אימייל:__________________________